# פרשת בא כ"ט טבת - ו' שבט תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת בא***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להבית החיים בניו דזשערסי (בחלקת ק"ק סאמבאטהעלי). **רבינו שליט"א** הדליק נר על ציון אביו זצ"ל, ועל הציון של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה, והמשיך באמירת תהילים למשך זמן.

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** אסיפת עסקנים בענין גמר בניית בית מדרשנו בוויליאמסבורג. הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו נשא דברים בעצה ובמעש לאסוף נדבות הציבור להשלים את מלאכת המשכן. אחר כך נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו.

***וזה תוכן הדברים:***

**רבי** מאיר מרדכי האט זייער שיין אראפגעלייגט די גאנצע ענין, איך וועל נאר צוגעבן אפאר ווערטער דערצו. יעדער ווייסט ווי אזוי דאס בית המדרש האט אויסגעזעהן מיט נישט אזוי לאנג צוריק, און זייט די יונגעלייט האבן זיך אריינגעלייגט און מען האט אהערגעשטעלט דאס בית המדרש, מיט וויפיל עס איז ביז אהער צוגעשטעלט געווארן, איז געווארן א מהפכה ממש פון וואס עס איז געווען פאר דעם. עס איז א בית מלא תורה ותפלה, מיט ערליכקייט, מן הבוקר ועד הערב, פון צופרי ביז ביינאכט זיצט מען און מען לערנט, און מען דאווענט. שבתים, הייליגע טעג, דרשות, מיט אלעס וואס דער בית המדרש ברענגט מיט זיך מיט. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די אלע וואס האבן געהאט א חלק דערין און זיי האבן עס אהערגעשטעלט ביז אהער. אבער עס איז שוין דא א פאר יאר וואס עס פעלט ממש די לעצטע קליינקייטן, אז די זאך זאל זיין געהעריג צוגעשטעלט.

**יעדער** ביי זיך אין שטוב, ווען ער האט א דירה, און דא פעלט פעינ"ט, און דא פעלט דער חלק און יענער חלק, שטערט עס אים אין זיין הרחבת הדעת, אז עס איז נישט מסודר. עס שטערט אסאך די הרחבת הדעת ווען דער מקום איז נישט אינגאנצן מסודר. אין וועלכע ווינקל מען זאל גיין, פעלט. אסאך מאל דארף מען נאר א קלייניגקייט, אבער עס פעלט. דירה נאה איז מרחבת דעתו של אדם (ברכות נז:), בית המדרש נאה איז מרחבת דעתו פון די אלע וואס לערנען און דאווענען. ווען מען האט אלעס צוגעשטעלט אויפן פלאץ, איז דער קאפ נאר אויפן דאווענען, אויב זאכן זענען נישט מסודר, איז ער נישט מסודר. עס איז א געוואלדיגע חשיבות און א זכות פאר די אלע וואס טוען צוהעלפן דערצו.

**יעדן** שבת מאכט מען א מי שברך פאר די עוסקים בצרכי ציבור באמונה. און מען רעכנט דארט אויס צווישן די זאכען, ומי שמייחדים בתי כנסיות לתפלה. וויניג מענטשען קענען אריינגיין אין די ברכה, אז זיי האבן צוגעשטעלט בתי כנסיות לתפלה. אבער ווען דער בית המדרש שטייט שוין, און מען האט א חלק אין עס גומר צו זיין, האט מען אויך א חלק אין די מי שברך. דער מי שברך ווערט געמאכט אין די גאנצע וועלט, אין אמעריקא און אין ארבע כנפות הארץ, איז אוודאי גרויס דער זכות.

**די** עסקנים זאגען, אז טאמער עס איז דא הארץ, קען מען צוקומען אהערצושטעלן דעם בית המדרש אז עס זאל זיין מסודר איינמאל פאר אלעמאל. תחזקנה ידיכם, מען זאל קענען ווייטער טוהן להגדיל תורה ולהאדירה. וואס מען טוט פארן אייגענעם שטוב, דארף מען אוודאי טון פארן שטוב פונעם אייבערשטען. זה א-לי ואנוהו, א בית המדרש דארף זיין שיין צוגעשטעלט. און אז מען טוט פארן שטוב פונעם אייבערשטען, איז דא אלע ברכות. דער באשעפער זאל ענק אלע באצאלן ביי זיך אין שטוב, מיט א דירה רחבה און נחת ביי די קינדער, מיט הרחבת הדעת אין אלעם וואס מען דארף האבן. און מיר זאלן זוכה זיין צו ביאת משיח בקרוב, און עס זאל מיטגיין צוזאמען אויף ארץ ישראל, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד זאלישא שליט"א** שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **שמואל מאיר פשעההאפער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב ישעי' גאלדשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. ואצל החופה של החתן **אהרן** נ"ו, בן הר"ר **ישראל מרדכי ווייסבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אריה פרענקל** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **האדמו"ר מסטריזוב שליט"א**, שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**הגה"צ מסטריזוב שליט"א:** איך געדענק נאך דעם **שאמלויא'ער רב**. ער איז אויך געווען אזא געשטעל. א הויכער יוד, ער איז געגאנגען מיט א סאמעטענעם הוט. איך בין אלט געווען פינף יאר, ווען אונז האב מיר אוועקגעמופט.

איך געדענק ער פלעגט זאגן שבת א דרשה, און מיר איז געווען אינטערעסאנט איין זאך, איך בין געווען פינף יאר, האט ער אינמיטן די דרשה אמאל געמאכט מיט די גלעזער אזוי ארויף אויף די שטערן, און אראפ. איך געדענק ער האט געהאט א ישיבה, און ער האט געדאווענט דארט מנחה מיט שלש סעודות.

ער האט געהאט א זון רבי משה לייב (אב"ד שארמאשאג), דער משה לייב האט א זון דא (הרב יעקב עהרענרייך שליט"א), איך האב זיך געשפילט מיט אים אינאיינעם. **רבי נתן יוסף מייזעלס זצ"ל** (אב"ד אבני שלמה) איז געווען דארט א איידעם.

איך בין געווען זייער היימיש מיטן טאטען, איך האב אים מכבד געווען מיט מוהל'שאפט.

איך געדענק אז שפעטער האט מען געזאגט, אז דער **שאמלויא'ער רב** איז דער גרעסטער גדול אין רומעניא. וואו האט ער זיך געהאלטן פאר א חסיד?

**רבינו:** פון מונקאטש. ער האט זיך געהאלטן פאר א מונקאטשער חסיד, פונעם דרכי תשובה.

**הגה"צ מסטריזוב שליט"א:** איך געדענק ווען דער **מונקאטשער רב** איז געווען אין שאמלויא. איך געדענק אז איך האב אים געטראגען דעם טלית שבת. עס איז נישט געווען קיין עירוב.

איך געדענק אויך, איך בין אלט געווען פינף יאר, און דער **מונקאטשער רב** איז געקומען און מען האט אים געגעבן די שול. עס איז געווען א חסידישער קלויז, דארט איז געווען א יוד רבי שלמה היימליך, אבער שבת בייטאג האט דער מונקאטשער רב געדאווענט אין שול, און ער האט געזאגט א דרשה. די ווייבער זענען אויך געווען אין ווייבער שול. וואס טוט א פינף יעריג יונגעל, ער גייט ארויף אין די ווייבער שול, און אראפ פון די ווייבער שול. אינמיטן האט ער גערעדט אקעגן די ציונים, און צוויי יונגען זענען אריינגעשפרינגען, און מען האט זיי געכאפט און ארויסגעווארפען. בין איך אראפגעלאפן, און איך האב געזעהן אין הויף ווי א גאנצע רינג שטייט מיט זיי, און מען טענה'עט זיך מיט די צוויי חברה. איך געדענק אז איינער האט געהאט א גרויסן פריזאר. אינמיטן די דרשה האבן זיי אריינגעשריגען.

**רבינו:** זיי האבן געקענט אריינשרייען אינמיטן דעם שאמלויא'ער רב'ס דרשה אויך.

**א' מהנוכחים:** דער **ציעשנוב'ער רב** האט געזאגט, אז איין טאג מען שרייבט נישט אקעגן אים אין די צייטונג, איז א סימן אז ער דארף תשובה טון.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן קצ"ה סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה (שמות ו-ו), האט דער אייבערשטער געזאגט, אז ער וועט ארויסנעמען יודען בזרוע נטויה, מיט א אויסגעשטרעקטע ארעם. און אזוי זאגט מען אויך אין די הגדה, מען ברענגט צו דעם פסוק אין פרשת כי תבוא (דברים כו-ח), ווען א יוד האט געדאנקט דעם אייבערשטען ביי ביכורים, ויוציאנו ה' ממצרים ביד חזקה ובזרוע נטויה. וואס איז דער 'ביד החזקה ובזרוע נטויה'. דער אייבערשטער כביכול האט גענוצט זיין האנט, א יד חזקה מיט א זורע נטויה, בשעת ער האט אונז געדארפט ארויסציען פון מצרים? ער האט דאך באשאפן די גאנצע וועלט בעשרה מאמרות נברא העולם (אבות ה-א), איז דאך כל שכן ארויסצונעמען יודען פון מצרים, מיט איין דיבור וואלט עס דער אייבערשטער געקענט באווייזן. וואס איז דער יד חזקה און זרוע נטויה וואס האט אויסגעפעלט צו יציאת מצרים.

**מען** זעהט ווען דער אייבערשטער האט זיך באוויזען צו משה רבינו, אז ער גייט אויסלייזן די יודען, איז

עס געווען בלבת אש מתוך הסנה (שמות ג-ב). דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן א סנה, און דארט איז געווען די מראה אז ער גייט אויסלייזען יודען. און רש"י זאגט, אלץ עמו אנכי בצרה (תהלים צא-טו), דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז ווען יודען זענען אין א צרה, איז כביכול דער רבונו של עולם זיך אויך מצער. צו זיין אין א סנה איז ווייעדיג, וואו מען גיט זיך א ריר, ווערט מען צושטאכן. כביכול דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, איך האב מיטלייד מיט יודען אין מצרים. עס איז דא א רש"י אין פרשת משפטים (שמות כד-י), אז נדב ואביהוא האבן געזעהן את אלקי ישראל, ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר, זאגט רש"י אז די גאנצע צייט וואס יודען זענען געווען אין מצרים, איז כביכול ביי די פוס פונעם אייבערשטען געווען א ציגל, צו געדענקען די צרות וואס יודען האבן אין מצרים.

**עס** איז דא א משנה אין מסכת סנהדרין (מו.), בזמן שאדם מישראל בצער, שכינה מה אומרת, קלני מראשי קלני מזרועי, דאס איז על דמן של רשעים שנשפך, אפילו א רשע וואס זיין בלוט ווערט פארגאסן, איז כביכול דער אייבערשטער בצער, כל שכן על דמן של צדיקים איז אוודאי אז דער אייבערשטער איז זיך מצער. ווען יודען זענען געווען אין מצרים איז געווען צער השכינה. דער אייבערשטער האט זיך באוויזען פאר משה רבינו, אפילו יודען אליין זענען בעצם נישט געווען ראוי אז דער אייבערשטער זאל זיי אויסלייזען, אבער דער אייבערשטער ליידט דאך מיט צוזאמען מיט זיי, און ער איז דאך ווערט צו ווערן אויסגעלייזט. האט דער אייבערשטער זיך באוויזען מתוך הסנה, אפילו זיי זענען נישט ראוי, אבער איך בין דאך ראוי איך זאל ארויסגיין פון דעם סנה, לייז איך אויס יודען.

**עס** איז דא א הייליג ווארט פונעם **הייליגען רוזינער זכותו יגן עלינו**, פארוואס דער אייבערשטער זאגט קלני מראשי קלני מזרועי. וואס עפעס טוט אים וויי די קאפ, און עס טוט אים וויי די הענט. פארוואס האט ער אויסגעקליבן די צוויי אברים. זאגט דער הייליגער רוזינער א דבר נפלא. די גמרא (ברכות ו.) זאגט, מנין שהקב"ה מניח תפלין, פון וואו ווייס איך אז דער אייבערשטער לייגט תפלין יעדן טאג, ווייל אזוי שטייט אין פסוק (ישעיה סב-ח) נשבע ה' בימינו ובזרוע עזו, 'עזו' גייט ארויף אויף תפלין. פרעגט די גמרא, תפלין דמרי עלמא מה כתיב ביה, וואס שטייט אין די תפלין פונעם אייבערשטען. אין אונזער תפלין שטייט דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטען, שמע ישראל ה' אלקינו, אבער וואס שטייט אין די תפלין פונעם אייבערשטען. זאגט די גמרא, אז דער אייבערשטער איז זיך משתבח אין יודען, ער ברענגט ארויס די געוואלדיגע חשיבות פון כלל ישראל, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. דאס איז געשריבן אין די תפלין פונעם אייבערשטען.

**ווען** יודען זענען ברום המעלה, און מען זאגט מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, האט עס א חשיבות. אבער ווען יודען זענען אין א שפלות, מען איז אין גלות, און מען איז בצער, וואו איז דער מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ? דאס איז דער גוי אחד בארץ?! דאס האט דער אייבערשטער אויסגעקליבן, אז מען זאל זיין נידריג צו די ערד?! איז ווען יודען זענען אין א עת צרה, זאגט דער הייליגער רוזינער איז כאילו עס איז דא א פגם אין דעם אייבערשטענס תפלין. ווייל דער אייבערשטער רומט זיך, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, און עס איז נישט אזוי. א טייל זאגן, אז דער הייליגער רוזינער האט געזאגט, ווען עס פאלט אראפ די תפלין פון א יוד, לויפט מען צו, און מען הייבט עס אויף, און מען גיט עס א קוש. רבונו של עולם דיין תפלין איז אויף די ערד, און דו לאזט עס דארט, און דו הייבסט עס נישט אויף?! קומט אויס, אז עס איז דא א פגם כביכול אין דעם אייבערשטענס תפלין.

**תפלין** טוט מען אן על היד און על הראש. בזמן שאדם מישראל בצער, ווען דער כלל ישראל איז בצער, זאגט דער אייבערשטער, קלני מראשי, קלני מזרועי, עס איז דא א פגם אין מיין תפלין של ראש, און אין מיין תפלין של יד, וואס דארט שטייט דאך מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, און עס איז דא דערין א פגם, אז יודען זענען אין אזא מצב.

**ווען** דער אייבערשטער האט זיך באוויזען צו משה רבינו, האט ער זיך באוויזען מתוך הסנה, ווייל עמו אנכי בצרה, מיין תפלין איז נישט אין ארדענונג, איך וויל אויפהייבן יודען, אז יודען זאלן זיין ברום המעלה. ווען דער אייבערשטער האט אויסגעלייזט יודען, און דעמאלטס איז מקויים געווארן וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך, אלו תפלין שבראש,

דעמאלטס איז געווען די גאולה פון יודען, איז דעמאלטס נתרומם געווארן כביכול די תפלין פונעם אייבערשטען, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז אזוי דארף א יוד מתפלל זיין. ווען ער האט א עת צרה, דארף ער וויסען אז דער אייבערשטער איז צוזאמען מיט זיין צרה, ער איז טאקע נישט ווערט אז זיינע תפלות זאלן ווערן אנגענומען, אבער דער אייבערשטער איז דאך ווערט, ער איז זיך אויך מצטער צוזאמען. אויף מיינע תפלות קען זיין אז עס איז דא מקטריגים, מען איז נישט ראוי אז מען זאל געהאלפן ווערן, אבער ווען מען איז מתפלל אויף די צער השכינה, די שכינה איז זיך מצער ביי יעדן יוד, אויף דעם איז נישט דא קיין קיטרוג, אויף דעם איז נישט שייך אז מען זאל זאגן כביכול אז דער אייבערשטער איז נישט ראוי דערצו. א יוד דארף מתפלל זיין אויפן צער השכינה, וואס איז צוזאמען מיט אים.

**און** אזוי זענען געווען יודען אין מצרים, בשעת זיי זענען געווען אונטערדרוקט אונטער די מצריים, זיי האבן געליטן וואס זיי האבן געליטן, האבן זיי נישט מתפלל געווען פאר זיך, נאר ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה (שמות ב-כג), בשעת מען האט געשריגן אויף די עבודה, ותעל שועתם, איז ארויפגעגאנגען זייער שועה, אל האלקים, דער רבונו של עולם איז זיך מצער צוזאמען מיט אונז.

**קומט** אויס, אז ביז יציאת מצרים איז די זרוע פונעם אייבערשטען נישט געווען נטויה, עס איז געווען אין א שפלות. די תפלין וואס איז אויף די האנט, איז געווען אין א שפלות. ווען דער אייבערשטער האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים, ויוציאנו ה' ממצרים ביד חזקה, דעמאלטס זענען יודען געווארן ברום המעלה, דעמאלטס איז די זרוע פונעם אייבערשטען געווען א זרוע נטויה, א אויסגעשטרעקטע ארעם, דער באשעפער האט געקענט ווייזען זיין תפלין, פון מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ.

**מען** דארף אבער נאך צוגעבן צו דעם, 'זרוע נטויה' פארשטייען מיר, אבער 'יד חזקה', מיר ווייסן אבער אז תפלין לייגט מען נישט אויף די יד חזקה, תפלין לייגט מען על יד כהה, אויף די שוואכע האנט, פארוואס רופט ער עס אן יד חזקה.

**נאר** רש"י זאגט אין די שירה (שמות טו-ו), אז אונז זאג מיר ימינך ה' נאדרי בכח, ימינך ה' תרעץ אויב, מען זאגט צוויי מאל ימינך. זאגט רש"י, אז בשעת ישראל זענען עושין רצונו של מקום, איז דער שמאל פונעם אייבערשטען אויך ימין. קומט אויס, ווען דער אייבערשטער האט ארויסגעצויגן יודען פון מצרים, איז כביכול דער יד כהה וואס דער אייבערשטער לייגט די תפלין, איז נישט געווען קיין יד כהה, עס איז געווארן דערפון א יד חזקה. ויוציאנו ה' ממצרים ביד חזקה, די שמאל פונעם אייבערשטען איז געווארן א יד חזקה, ווייל ישראל זענען געווען עושין רצונו של מקום. ובזרוע נטויה, און זיין זרוע איז געווען נטויה, די תפלין פונעם אייבערשטען זענען דעמאלטס צוגעקומען צו א שלימות, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לההתונה של החתן **אהרן ווייסבערג** ני"ו, ולהחתונה של החתן **צבי פשערהאפער** ני"ו, ורקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יצחק אליעזר וואלדמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **רפאל יעקב ביילוש** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת בא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע הרה"ג **רבי שלמה יעקב זיידא אייכענשטיין שליט"א** אב"ד גאלאנטא (בן כ"ק האדמו"ר מגאלאנטא שליט"א) להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בנו בשעטומ"צ.

כמו כן הגיע **הרה"ג רבי חיים צבי טייטלבוים שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א) אב"ד סאטמאר ירושלים להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בנו בשעטומ"צ.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום הש"ס של הרה"ח **אשר יעקב מענצער** הי"ו, שהתקיים בבית חתנו הר"ר **אשר מאיר רייז** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אנטייל צו נעמען ביי דעם סיום הש"ס פון מיין חשוב'ן ידיד, רבי אשר יעקב זאל זיין געזונט, וואס האט ב"ה זוכה געווען דערצו. דער באשעפער זאל העלפן, אז דער זכות פון אלע תנאים און אמוראים זאלן מגין זיין, און זיין מליצי יושר. איך האב א הכרת הטוב פאר רבי אשר יעקב, איך זאג אים אסאך מאל, אז ער האט נישט נאר דעם זכות אז מען דרוקט די דברי תורה, נאר ער האט אויך די זכות פון דעם וואס איך שרייב. ער האט מיך אריינגעלייגט אין שרייבן. איך האב נישט געהאלטן ביים שרייבן, און ער האט מיך געמוטשעט יעדע וואך, אז איך זאל שרייבן, האב איך אנגעהויבן צו שרייבן. דער באשעפער זאל העלפן, אז די זכות פון תורה זאל מגין זיין.

**איך** האב געטראכט א ווארט אין די חשיבות פון תורה. אלע קרבנות וואס מען האט געברענגט אין בית המקדש, איז געווען פון מצה. כל המנחות באות מצה (מנחות נב:), ביי יעדע מנחה האט מען נישט געקענט ברענגען קיין חמץ, נאר עס האט געדארפט זיין פון מצה. אזוי שטייט אין פסוק (ב-יא) כי כל שאור וכל דבש, לא תקטירו ממנו אשה לה', קיין שאור האט מען נישט געקענט אריינברענגען פאר א קרבן פארן אייבערשטען. אויסער איין מאל אין יאר איז געווען א חיוב אריינצוברענגען חמץ, דאס איז געווען שבועות. די שתי הלחם איז געווען פון חמץ. די מנחת תודה איז אויך געווען פון חמץ, אבער א חיוב צו ברענגען, איז געווען נאר איין מאל א יאר, שבועות. וואס איז דער ענין דערפון, אין יעדע זאך איז דאך דא א געוויסע נקודה וואס מען לערנט אראפ צו עבודת ה'. אז געוועהנליך קומט נישט אריין חמץ אין בית המקדש, און די שתי הלחם זענען געווען פון חמץ.

**די** גמרא (קידושין ל:) זאגט, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה אקעגן דעם יצר הרע, נאר צו זיצען און לערנען תורה. דער אייבערשטער האט באשאפן דעם יצר הרע, און דער אייבערשטער קען דעם יצר הרע, און ער זאגט אז עס איז נישט דא קיין אנדערע תבלין אקעגן דעם יצר הרע, נאר תורה. די גמרא גיט א משל, א טאטע האט געשלאגן זיין קינד, ער האט אים געגעבן גוטע קלעפ, נאכדעם האט ער ארויפגעלייגט א רטיה אויף די מכה, און ער זאגט אים, ווילאנג דו האסט די רטיה אויף די מכה קענסטו עסן וואס דו ווילסט, און טרינקען וואס דו ווילסט, דו קענסט זיך וואשן מיט וואס דו ווילסט, עס וועט דיר גארנישט פאסירן, די רטיה וועט מגין זיין אויף די מכה. אבער אויב דו נעמסט עס אראפ, וועט ווערן דערפון צמחים, עס וועט אנהייבן וואקסען דערפון, און עס וועט ווערן פארגיפטעט, און עס קען דיר צוברענגען צו נישט א גוטן מצב. שנאמר (בראשית ד-ז) אם תטיב שאת. 'אם תטיב', טאמער דו לערנסט תורה, 'שאת', וועסטו דערהויבן ווערן, 'ואם לא תטיב, לפתח חטאת רובץ'.

**די** לשון אין די גמרא איז אבער א שווערע לשון, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה 'תבלין', וואס איז תבלין. תבלין איז דער טייטש, א מענטש עסט א מאכל, און עס איז נישט גענוג געזאלצן, עס איז נישט גענוג געפעפערט, נעמט ער תבלין, און ער לייגט עס צו צו דערצו. א תבלין מאכט גוט דאס מאכל וואס מען עסט. דא האט דער אייבערשטער גענומען דעם יצר הרע, און דער באשעפער האט געמאכט א זאך וואס איז אקעגן דעם יצר הרע, מהיפך להיפך פונעם יצר הרע, פארוואס רופט ער עס אן אז די תורה איז א תבלין צום יצר הרע.

**מען** זעהט אז עס איז שטארק נתרבה געווארן לימוד התורה אין די לעצטערע יארן, מען קען זאגן, אז פון יאר צו יאר וואקסען לומדי תורה מער ווי עס איז געווען אמאל. און איך מיין אז די אמת'דיגע סיבה דערפון איז, ווייל דער יצר הרע אין אמעריקא וואקסט אויך פון יאר צו יאר, און דער אייבערשטער גיט נישט א יצר הרע וואס מען קען נישט אנטקעגן קומען. האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז עס זאל זיין א חשקות התורה, בעקבתא דמשיחא זאל מען האבן די כוחות מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויפן יצר הרע, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין.

**עס** קען זיין, ער רופט עס אן תבלין. מען ווייסט אז עס איז דא מדות טובות, און מדות רעות. מדות

טובות וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, קומט זיך אזוי, עס איז מדות טובות, און א יוד דארף האבן גוטע מדות. עס קומט פון די צד פונעם יצר טוב. פארוואס האט דער אייבערשטער באשאפן מדות רעות בכלל, כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו (אבות ו-יב), פון אלעם דארף ארויסקומען א כבוד שמים. מדות רעות איז דאך נישט גוט, פארוואס האט דער אייבערשטער באשאפן בכלל א ענין פון מדות רעות.

**נאר** דער אמת איז, אז יעדע מדה קען מען אויסנוצען צו גוט, און יעדע מדה קען מען אויסנוצען צו שלעכט. פארוואס הייסט עס דעמאלטס מדות טובות, און מדות רעות. ווייל א מדה טובה איז ניינציג פראצענט גוט, עס איז נאר דא צען פראצענט וואס די מדה טובה איז נישט אויפן ריכטיגן מקום, און ער האט א גרינגען ארבעט אויף די מדות טובות. מדות רעות איז פארקערט. מדות רעות איז רובן נישט גוט, און עס איז דא א געוויסע חלק פון מדות רעות וואס איז גוט.

**מדות** טובות, צו זיין א רחמן איז זייער א שיינע מדה. עס איז אבער דא אמאל וואס מען טאר נישט זיין א בעל רחמים, ווען א טאטע אדער א מאמע האט רחמנות אויף א קינד, און ער שלאגט קיינמאל נישט דאס קינד, און ער מוסר'ט נישט דאס קינד, ער איז א רחמן, ער האט רחמנות, ער גיט נאך פארן קינד אלעס וואס ער וויל, איז נישט גוט. מען דארף אמאל ארויסנעמען פון זיך די מדה פון רחמנות. - דער אייבערשטער האט געהייסען פאר אברהם אבינו ער זאל ברענגען זיין קינד פאר א קרבן, מדת הרחמים זאגט ניין, מען קען נישט. וכבש את רחמיו לעשות רצונך, עס איז דא אמאל וואס מען דארף אוועקגיין פון די מדה טובה וואס מען האט, און אוועקנעמען די מדת הרחמים. וואו מען דארף זיין א אכזר, דארף מען זיין א אכזר.

**פארקערט**, מדת רעות איז אכזריות. אכזריות איז נישט קיין גוטע מדה, אמאל אמאל איז גוט ווען מען נוצט עס, אבער מען דארף וויסן די מאס ווען מען נוצט עס. - מען האט מקנא געווען די וואס לערנען דף היומי. קנאה איז זייער א שלעכטע מדה, מאה מיתות ולא קנאה אחת (דב"ר ט-ט), ענדערש הונדערט מאל שטארבען, ווי איין קנאה. אבער פון דעסטוועגן דאך, דער אייבערשטער האט באשאפן אז א מענטש זאל האבן קנאה, אבער די קנאה דארף ער אויסנוצן צו גוטע מדות. ותקנא רחל באחותה (בראשית ל-א), קנאה במעשיה הטובות (רש"י שם). ווען מען זעהט א ערליכען יוד, איז מען אים מקנא, איך גיי אויך זיין אזוי ווי ער. מען זעהט יענער איז מסיים ש"ס, וויל איך עס נאכטון. ווען די קינדער און די אייניקלעך טוען עס נאך, גייט עס אריין אין שמע בני מוסר אביך, ואל תטוש תורת אמך (משלי א-ח), אויך א מצוה וואס קומט דערצו צו, נאכטון וואס די עלטערן טוען. - שנאה איז א שלעכטע מדה, אבער עס איז דא אמאל וואס מען דארף האבן שנאה. שנאה צו עוברי עבירה. - קמצנות איז א שלעכטע מדה, אבער אמאל איז דא וואס קמצנות איז גוט. וואס א מענטש פזר'ט נישט פאר זיך אלעס, ער איז א קמצן פאר זיך אויף לוקסוס, און ער לייגט אוועק פאר צדקה וכדומה, איז עס א גוטע מדה. נאר בעצם איז עס א מדה רעה, און מען דארף עס נאר אויסארבעטן.

**וועגן** דעם הייסן די מדות מיט נאמען 'מדה', ווייל מדה איז א מאס. יעדע זאך דארף מען נוצן מיט א מאס. מען דארף נאר וויסן די ריכטיגע מאס וויפיל מען קען ארייגלייגן. זאלץ איז גוט, אז מען לייגט אריין צו סאך זאלץ, איבער די מאס, איז עס נישט גוט. עס איז דא מדות טובות, וואס בעצם איז עס גוט, אבער עס דארף זיין מיט א מדה. עס איז דא אמאל וואס מען דארף אוועקלייגן די מדה טובה. עס איז דא מדות רעות, וואס בעצם איז עס נישט גוט, אבער עס איז דא א געוויסע מדה וואס איז יא גוט.

**זוכה** זיין מבחין צו זיין די מדות, וואס איז גוט און וואס נישט, און ווי אזוי מען זאל עס נוצן אויף די ריכטיגע מאס, צו דעם העלפט תורה. ווען א יוד זיצט און לערנט תורה, איז די תורה מקדש דעם מענטש, און עס איז מזכך דעם מענטש, און דורך דעם קען ער אויסנוצן שפעטער דעם יצר הרע וואס ער האט, עס צו נוצן אויף וויפיל מען דארף עס צו האבן. דער אייבערשטער האט באשאפן א יצר טוב מיט א יצר הרע, ווייל פון די יצר הרע איז אויך דא זאכן וואס א מענטש דארף זיך לערנען דערפון ווי אזוי זיך צו פירן. און כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו, אבער וויסן די מאס וויפיל צו נעמען דערפון, צו דעם דארף מען האבן תורה.

**זאגט** דער אייבערשטער, בראתי יצר הרע, איך האב באשאפן דעם יצר הרע, און דעם יצר הרע האב איך באשאפן ווייל אין מדות רעות איז אויך דא ווי אזוי מען קען דינען דעם אייבערשטען. אבער ווי אזוי ווערסטו וויסן וואס עס איז גוט און וואס נישט, בראתי לו תורה 'תבלין', די תורה מאכט פון דעם יצר הרע א תבלין. אז דו ווערסט אים נוצן אזוי ווי א תבלין נוצט מען, אויף א געוויסע מאס, איז עס גוט, און איבער די מאס איז עס נישט גוט, אזוי איז אויך תורה.

**חמץ** איז דאך דער יצר הרע, שאור שבעיסה, וואס איז נישט גוט. דאס איז לא תקטירו ממנו אשה לה', מען קען נישט ברענגען פון דעם א קרבן פארן אייבערשטען. ווען עס קומט אבער שבועות, וואס שבועות האט מען מקבל געווען די תורה, דורך תורה איז בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין, קען מען נעמען די שאור און אריינטראגן און מקריב זיין אויפן מזבח, עס איז קודש לה'. אן תורה וואלט מען נישט געקענט אריינטראגן קיין שאור, ווייל שאור איז מדות רעות, עס איז נישט גוט, די דרך הרעה איז פונעם יצר הרע. אבער שתי הלחם וואס מען ברענגט אין שבועות, אזוי ווי עס איז א טאג פון מתן תורה, אין זכות פון תורה וויל דער אייבערשטער ווייזן קען מען אלעס מעלה זיין פאר קדושה, אפילו דעם חלק פונעם יצר אויך.

**מען** זיצט און מען לערנט טאג טעגליך, און מען האט ב"ה אנגעהאלטן אן א הפסק, יאר נאך יאר, ביז מען קען מסיים זיין ש"ס. מען לערנט עס מיט א סדר אז מען קען אפילו איין טאג נישט אויסלאזן, צו עס איז תשעה באב, יום כיפור, שמחת תורה, עס איז נישט קיין נפקא מינה, מען דארף עס יעדן טאג משלים זיין. דאס איידלט אויס דעם מענטש, פון דעם באקומט מען אז דער יצר הרע ווערט א תבלין. דאס איז דער זכות פון לערנען תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז ר' אשר יעקב זאל קענען נאך אסאך לאנגע געזונטע יארן מסיים זיין אסאך מסכתות. די זכות פון תורה זאל מגין זיין, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, מען זאל זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת בא***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד טענקא פלעטבוש שליט"א** שישב שבעה על פטירת אחיו **הגה"צ רבי משה אהרן דוד פריעדמאן זצ"ל** אב"ד טענקא ירושלים.

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד טענקא:** מיינע קינדער קומען דא אריין, און זיי ווערן זייער נתפעל פון די ישיבה. זיי זענען אויך אין ישיבות אין ארץ ישראל, און זיי ווערן זייער נתפעל. דאנערשטאג ביינאכט נאכן שיעור, האט מיך רבי יוחנן טווערסקי (משגיח בישיבה) געבעטן, אז איך זאל אריינקומען זעהן ווי אזוי די בחורים לערנען חמש שעות רצופות. בין איך אריינגעקומען, און איך בין זייער נתפעל געווארן. דער איז צוגעקומען מיט א שאלה, און דער איז צוגעקומען מיט א שאלה, איינער איז צוגעקומען מיט א דף היומי, דאס איז אויך א נייער חידוש אין די ישיבה (שהרבה בחורים הצטרפו ללימוד דף היומי בזמנים הפנויים). מען האט געלערנט דף היומי ביי ענק?

**רבינו:** האט מען דען געלערנט?!

**אב"ד טענקא:** אבער עס איז נישט אזוי געפערליך.

**רבינו:** איך האב נעכטען געהערט, אז איינער האט געזאגט, ער האט געמאכט א סיום הש"ס, זאגט אים דער חבר, דו לערנסט דף היומי?! אינדערהיים, אין א שטוב וואו עס איז געווען א דף היומי, האט מען נישט אריינגעטרעטן...

**אב"ד טענקא:** ווען איך האב געעפענט דעם בית המדרש, האב איך נישט געהאלטן פונעם דף היומי, מען לערנט אזוי אפ אזוי שנעל, שטחיות'דיג, איך בין נישט געווען איינגעוואוינט אזוי פון ישיבה. און איך האב עס נישט געוואלט איינפירן. עס איז אדורכגעגאנגען א יאר צוויי, און איך האב געזעהן אז וואו עס עפנט זיך אויף א בית המדרש, איז די ערשטע זאך א שיעור אין דף היומי, האב איך נאכגעגעבן. און איך האב איינגעזעהן אז עס איז א מורא'דיגע תועלת. ביי אונז לערנען זעקס לומדישע יונגעלייט תלמידי חכמים, עס קאכט זיך, און דאס בעסטע איז דאס פאר דעם מגיד שיעור אליין, ער דארף זיך פארקוקען, און ער דארף עס נאכאמאל אדורכלערנען. סוף כל סוף איז עס פאר יעדן א קביעות.

איך האב געהאט אמאל ביים שיעור א פשוטער יוד, א טעקסי דרייווער, ער האט ממש גארנישט

פארשטאנען. די שיעור וואס איך געב איז נישט פאר דעם אלגעמיינעם עולם, עס איז פאר די וואס קענען אביסל מער, ער האט נישט באלאנגט צום שיעור, נאר ער איז געווארן א אבל, און ער האט געדארפט זאגן קדיש, איז ער געקומען צום שיעור. און זייט דעמאלטס האט ער נישט פארפעלט קיין איין טאג פונעם שיעור, פאר יארן, ער לעבט שוין נישט. אפשר פון גאנץ ש"ס האט ער פארשטאנען צען בלעטער, אבער ער איז דאך געקומען, און ער האט אויסגעהערט כאילו ער פארשטייט יעדעס ווארט. עס איז דאך עפעס א זאך, מען קען עס נישט וועקמאכן.

רבי מרדכי פריעדמאן האט מיר דערציילט, ער איז געווען דער ראש הקהל אין מוזשאי'ער בית המדרש, און ער האט געוואלט איינפירן דעם דף היומי אין בית המדרש. און דער **מוזשאי'ער רב** האט געפרעגט דעם **סאטמארער רבי זצ"ל**, סוף כל סוף דף היומי. האט דער סאטמארער רב געזאגט, אז מען וויל לערנען דארף מען לערנען, אבער מען מוז נישט זיין פונקטליך מיטן דף. – סוף כל סוף האט עס אריינגעברענגט א חשקות התורה.

דער רב האט געקענט מיין ברודער?

**רבינו:** יא. מיר זענען געווען שכנים, נאך די חתונה האט ער געוואוינט אויף פענן סט. און איך געדענק אים אלס יונגעל אין חדר, אין סאטמאר אין קרוינהייטס. כמדומה לי אז ער איז אמאל אריינגעפאלען אין א סווימינ"ג פאא"ל, און מען האט אים קוים ארויסגענומען לעבעדיגערהייט.

**אב"ד טענקא:** ער איז געווען א עילוי עצום, בנגלה ובנסתר. ער האט געהאט א מורא'דיגען מוח, און א גרויסער מחדש. עס איז דא פון אים א גאנצע שאפע פול מיט כתבים. ווען ער איז געבוירן געווארן האט **רבי מענדעלע סטראפקובער זצ"ל** געזאגט אויף אים, אז ער האט א גרויסע נשמה.

מיין טאטע ז"ל האט געהאט א מורא'דיגע מעשה מיט רבי מענדעלע סטראפקובער. מיין טאטע ז"ל ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא, האט ער די ערשטע פאר יאר געוואוינט אין וויליאמסבורג, און ער איז געווען זייער נאנט מיטן סטראפקובער רב, ער האט געדאווענט ביי אים אין בית המדרש פרייטאג צו נאכטס. ווען דער טאטע איז אוועק האט דער אלטער **קאשוי'ער רב** גערופן די קינדער, און ער האט זיי געפרעגט, וועלכער צדיק איז יעצט נסתלק געווארן. ווייל ער איז איינגעשלאפן, און דער סטראפקובער רב איז אים געקומען אין חלום, און ער האט אים געזאגט, דו שלאפסט יעצט ווען די צדיקים זענען מקבל פנים דעם צדיק וואס איז יעצט נסתלק געווארן?!

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא, ביז ער האט געהאט זיין אייגענעם בית המדרש, האט ער אויך געדאווענט יעדן שבת ביים סטראפקובער רב.

**אב"ד טענקא:** מען האט זייער געהאלטן פון אים, ער איז געווען דעמאלטס דער זקן האדמורי"ם.

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל האט מיר פארציילט, אז ער האט געדאווענט ביים סטראפקובער רב, און נאכדעם ווען ער האט געעפענט זיין בית המדרש, האט ער געדאווענט ביי זיך אין בית המדרש. און אמאל האט אים א יוד מכבד געווען מיט א ברית שבת ביים סטראפקובער רב. האט ער געדאווענט ביי זיך, און נאכן דאווענען איז ער אריבערגאנגען צום ברית. נאכן ברית האט דער סטראפקובער רב געמאכט קידוש, און מיין טאטע איז געזעסן אינדערזייט, אינמיטן רופט ער זיך אן אזוי בפני כל עם ועדה, סאמבאטהעלער רב, איך וואלט אייך נישט מכבד געווען צו זיין מוהל. פרעגט אים מיין טאטע, מה פשעי ומה חטאתי. זאגט ער, אז איר האט א ברית ביי מיר אין בית המדרש, און איר קומט נישט אהער דאווענען, דארפט איר נישט זיין מוהל. – מיין טאטע פלעגט אלץ צו באוואונדערן זיין מדת האמת, אז אויב ער האט אזוי געטראכט, האט ער עס ארויסגעזאגט. און מיין טאטע ז"ל האט מיר געזאגט, אז זייט דעמאלטס, ווען איך האב שבת א ברית ביי א אדם גדול, לאז איך איבער דעם בית המדרש, און איך גיי אהין דאווענען.

עס איז געווען א יוד רבי אהרן פישער, ער האט מיר פארציילט, אז ווען ער איז געווען א בחור אין נייטרא, פלעגט **רבי מיכאל בער וויסמאנדל זצ"ל** זאגן פאר די בחורים אין ישיבה, אז ווען מען קומט אריין קיין וויליאמסבורג זאל מען זיך דרייען ביים סטראפקובער רב. און ער פלעגט אלץ ארייצוגיין דארט. **רבי יונתן שטייף זצ"ל** פלעגט צו דאווענען מנחה און מעריב ביים סטראפקובער רב. און צווישן מנחה און מעריב איז געווען א הפסקה, א צען פופצן מינוט. און מען איז צוגעגאנגען צו רבי יונתן, און מען האט אים געבעטן אז ער זאל פארלערנען משניות, די פערטל שעה וואס איז דא. האט רבי יונתן געזאגט, עס איז דא א רב, איך קען נישט דא

פארלערנען. אויב דער רב וועט מיר הייסען, וועל איך לערנען. איז מען צוגעגאנגען צום סטראפקובער רב, און מען האט אים געפרעגט, צו מען קען מכבד זיין רבי יונתן צו לערנען משניות. האט ער געזאגט, יא. האט רבי יונתן אנגעהויבן פארצולערנען. נאך א פאר טאג רופט צו דער סטראפקובער רב דעם וואס האט אים געפרעגט די שאלה, און ער זאגט אים, איך האב געמיינט אז עס וועט מיך נישט אהרן, אבער עס אהרט מיר יא, זאל ער נישט לערנען ווייטער. - מען געפונט אסאך מאל אין די גמרא, חלשא דעתיה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער 'הלכתא רבתי לשבתא' לטובת כוללנו בוויליאמסבורג שהתקיים בבית מדרשנו הגדול, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז מיר א כבוד צו באגריסן די חברי הכולל, און די חשובע תומכי תורה וואס זענען זיך צוזאמגעקומען לכבוד די מסיבה היינט נאכט. קודם וויל איך זאגן א ווארט פאר די חכמי התורה וואס האבן זיך פארהערט הל' שבת, איך האב זיי פערזענליך פארהערט, עס איז געווען פון מיינע שענסטע שעות וואס איך האב איבערן יאר. מען איז געזעסן צוזאמען, און מען האט אזוי פלייסיג געענטפערט אויף יעדע זאך, עס איז געווען מיט א דיבוק חברים, זה בונה וזה סותר, אין יעדע ענין וואס מען האט גערעדט. עס האט זיך דערקענט די געוואלדיגע עמל התורה וואס זיי האבן אריינגעלייגט אין די יארן אין דעם כולל. מיטן אייבערשטן'ס הילף איז צו האפן אז הלכות שבת איז נאר די התחלה, און זיי וועלן ווייטער ממשיך זיין באהלה של תורה אויסצוּוואקסן צו וואס זיי זענען פעהיג אויסצוּוואקסען.

**איך** וויל רעדן א פאר נקודות. איך וויל רעדן קודם פון די חשיבות פון די בני תורה. איך וויל נאכדעם רעדן פון די חשיבות פון שטיצן תורה. איך וויל רעדן פון הכרת הטוב פאר די וואס געבן זיך אפ מיטן כולל, רבי מעכל זאל זיין געזונט ודעימיה וואס אויף זיי ליגט דער עול פונעם כולל. און איך וויל רעדן א פאר ווערטער פאר די בני בית פון די בני הכולל.

**מען** געפינט אין די גמרא (ברכות לד:), כל הנביאים לא נתנבאו, אלע נביאים וואס האבן געזאגט נביאות אויף די גרויסקייטן וואס עס וועט זיין לעתיד, האבן געזאגט זייער נבואה נאר פאר די וואס זענען משיא בתו לתלמיד חכם. ווען ער האט א טאכטער, זוכט ער א שידוך, ער קויפט זיך איין א תלמיד חכם. ולעושה פרקמטיא לתלמיד חכם, ער מאכט מסחר פאר א תלמיד חכם. ער נעמט דאס געלט פון א תלמיד חכם, און ער זאגט, דו זיץ און לערן, איך וועל עס אריינלייגן אין די געשעפטן, איך וועל דיר געבן דערפון רווחים. ולמהנה מנכסיו לתלמיד חכם, ער גיט פון זיין געלט פאר א תלמיד חכם. די דריי נקודות, דאס איז דער ענין פון החזקת התורה, פאר זיי איז געזאגט געווארן די נבואה וואס שטייט לעתיד. [אויף א צווייטע פלאץ זאגט די גמרא (כתובות קיא:), אויף די דריי, אז דאס איז די מצוה פון ולדבקה בו (דברים ל-כ), א מענטש דארף זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטן. דער באשעפער איז א אש אוכלה (שם ד-כד), און דער באשעפער פארלאנגט פון אונז, מען זאל זיך מדבק זיין מיטן אייבערשטן, דאס גייט ארויף אויף איינעם וואס טוט די דריי זאכן. משיא בתו לתלמיד חכם, עושה פרקמטיא לתלמיד חכם, ומהנה תלמיד חכם מנכסיו]. דאס איז פאר די וואס זענען מחזיק תלמידי חכמים, אבל תלמידי חכמים עצמן, תלמידי חכמים וואס זיצן און לערנען, וואס זיי וועלן זוכה זיין לעתיד, עין לא ראתה, האט קיין אויג נאך נישט געזעהן. די אויגן פון די נביאים האבן נישט געזעהן די גוטסקייט וואס איז אוועקגעלייגט געווארן פאר זיי, שנאמר, אזוי שטייט אין פסוק (ישעיה סד-ג) עין לא ראתה אלקים זולתך, קיין אויג אויסער דעם אייבערשטן, האט עס נישט געזעהן, יעשה למחכה לו, דער אייבערשטער וועט עס טון פאר די לומדי תורה וואס האפן באצאלט צו ווערן פונעם אייבערשטן. די זכות פון זיצן באהלה של תורה, זיך אפשיידן פון די וועלט, און זיצן פון צופרי ביז ביינאכט אין בית המדרש, איז נישט דא קיין ווערטער ארויסצוזאגן דעם שכר וואס ווארט אויף זיי לעתיד לבוא. עין לא ראתה אלקים זולתך, אויסער דער אייבערשטן האט קיינער נישט געזעהן וואס דער אייבערשטער וועט טון למחכה לו.

**מען** ווייסט אז געוועגליך ווען מען רעדט פון לומדי תורה און מחזיקי תורה, נעמט מען דעם יששכר וזבולון. יששכר האט געלערנט תורה, און זבולון האט אים מחזיק געווען. עס איז אבער געווען נאך א שידוך פון לומדי תורה ומחזיקי תורה אין כלל ישראל, שבט לוי, זיי זענען אויך געזעסען און געלערנט און געדינט דעם אייבערשטן, און זיי זענען אויסגעהאלטן געווארן פון כלל ישראל. אלע תרומות מעשרות וואס מען האט געהאט, איז געגאנגען פאר שבט לוי. פארוואס רעדט קיינער נישט פון דעם שידוך פון לומדי תורה ומחזיקי תורה ביים כלל ישראל, אז דאס זענען די יששכר וזבולון. מען ברענגט עס נאר ארויס אויף די צוויי שבטים יששכר וזבולון דייקא, וואס איז דער חילוק.

**דער** חילוק איז אזוי, לוי איז געזעסן און געלערנט, און כלל ישראל האט זיי אויסגעהאלטן. אבער לוי האט אוועקגעגעבן זייער פארמעגן וואס זיי האבן געקענט זוכה זיין אין ארץ ישראל. ווען מען האט צוטיילט ארץ ישראל פאר אלע שבטים, האט שבט לוי נישט באקומען קיין נחלה. קומט אויס אז זייער נחלה איז צוטיילט געווארן פארן גאנצן כלל ישראל, און מען האט זיי געגעבן חלקים, כדי זיי זאלן קענען לערנען, דאס איז נישט אזא גרויסע קונץ. כלל ישראל האט באקומען שטיקער פעלדער אין ארץ ישראל, א נחלה וואו דו קענסט בויען דארט הייזער, און דו קענסט אנזייען פעלדער, ווּעמענס חלק איז דאס? די חלק פון די לומדי תורה. קומט דאך אז דו זאלסט זיי עפעס צוריקצאלן פאר דעם וואס זיי האבן דיר געגעבן דעם אינוועסטמענט, איז נישט אזא חידוש אז מען האט אויסגעהאלטן שבט לוי. מען האט זיי אויסגעהאלטן פון דעם וואס לוי האט דיך געגעבן, פון דעם האסטו אים געגעבן.

**יששכר** האט באקומען א חלק אין ארץ ישראל פונקט ווי זבולון, יששכר חמור גרם (בראשית מט-יד), זאגט דער תרגום דערויף, עתיר בנכסין יששכר, יששכר איז געווען רייך, ער האט באקומען גרויסע חלקים אין ארץ ישראל. רש"י (שם) טייטשט, וירא מנוחה כי טוב, ער האט געזעהן זיין נחלה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, און ער האט געזעהן אז עס איז טוב, דער אייבערשטער האט אים געגעבן גאר א גוטע נחלה אין ארץ ישראל. ואת הארץ כי נעמה, ער האט אים געגעבן א ארץ וואס איז געווען נעמה, ויט שכמו לסבול, איך דארף נישט, ער האט עס געלייגט אין די זייט, ער האט עס איבערגעלאזט פאר זיין ברודער זבולון, ער זאל טון די ארבעט, און איך גיי אין בית המדרש לערנען. דאס איז די חשיבות פון יששכר, ער גיט זיך אוועק פאר תורה. נישט אזוי ווי שבט לוי וואס האט נישט וואס צו טון, ווייל מען האט אים צוגענומען די ביזנעס, מען האט אים צוגענומען זיין חלק אין ארץ ישראל, זיצט ער אין בית המדרש און לערנט. יששכר איז עתיר בנכסין, ער האט באקומען די זעלבע וואס זבולון האט באקומען, ער קען מאכן די זעלבע געשעפטן וואס זבולון. עס אינטערעסירט אים נישט, ער זיצט און לערנט און זבולון האלט אים אויס. דאס איז די חשיבות פון יששכר.

**מען** זיצט אין כולל און מען לערנט אסאך מאל, נישט וועגן דעם, ווייל מען האט נישט עפעס אנדערש וואס צו טון, מען איז נישט פעהיג צו טון ביזנעס, איז שוין בעסער צו זיצן אין כולל און לערנען. מען רעדט פון תלמידי חכמים מופלגים, וואס האבן נאך אזעלכע גוטע קעפ ווי אנדערע וואס גייען ארויס צו געשעפטן, און פון דעסטוועגן דאך בלייבט ער באהלה של תורה, ער איז זיך ממית באהלה של תורה. דאס איז וואס די גמרא זאגט, אבל תלמידי חכמים עצמן עין לא ראתה, וואס דער אייבערשטער וועט זיי געבן זייער שכר אויף דעם וואס זיי זענען עוסק בתורה.

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם זיידען דער **שאמלויא'ער רב זי"ע** אין ספר **אבני המקום** (אבן הרחיים אות כ'), אויף די גמרא, אז עס איז דא תלמידי חכמים וואס זיי זענען עוסק בתורה, און דער חלק פון עולם הבא איז אינגאנצען נישט אין חשבון. זייער גאנצער תענוג איז נאר, צו לערנען נאך א בלאט און נאך א בלאט, דינען דעם אייבערשטן, אין דעם פילט ער א סיפוק. שכר מצוה מצוה (אבות ד-ב), שטייט אין הייליגע ספרים, דער שכר פון די מצוה איז, די מצוה אליין וואס מען האט געטון, ער דארף נישט קיין שכר דערפאר. איינער וואס די מצוה איז א מיטל ער זאל קענען צוקומען צו שכר, מאכט ער א חשבון וויפיל שכר ער וועט באקומען דערויף. עס איז דא יודען וואס זענען זוכה אז די שכר פון זייער מצוה, איז א מצוה, ער איז גליקליך אז ער קען דינען דעם אייבערשטן היינטיגן טאג,

ער דארף גארנישט דערפאר, דאס אליין איז מיין גליק אין לעבן, אז איך האב געקענט דינען דעם אייבערשטן. און זיי זענען מתפלל צום אייבערשטן, איך האב געטון א מצוה, דער אייבערשטער זאל זיי געבן די געלעגענהייט ער זאל אנקומען צו מער אהבת ה' און יראת ה', ווייל דאס איז זייער לעבן, דארטן פילט ער זיין סיפוק.

**זאגט** דער שאמלויא'ער רב, אהבת ה' און יראת ה', איז פריוואט ביי א מענטש, מען זעהט עס נישט. מען קען נישט איבערצייגן יענעמ'ס אהבה און יענעמ'ס יראה, מען ווייסט נישט צו ער האט יא ליב, צו ער האט נישט ליב. עס איז א זאך וואס איז תלוי באבנתא דליבא, דאס זעהט נאר דער אייבערשטער אליין. כל הנביאים לא נתנבאו, אלע נביאות, די גוטע זאכן וואס מען האט צוגעזאגט אויף לעתיד, האט מען נאר געזאגט אויף די מחזיקי תורה, וואס זענען מהנה תלמידי חכמים מנכסיו, זיי פארשטייען ביזנעס, זיי ליגן אין ביזנעס, און דאס איז זייער סיפוק אין לעבן אז מען פארדינט געלט און אזוי ווייטער, פאר זיי גיט מען דעם שכר אויף לעולם הבא ווייל פאר זיי איז דאס דער שכר. אבל תלמידי חכמים עצמן, די תלמידי חכמים אליין, זיי דארפן נישט דעם שכר וואס דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר עוסקי תורה, זיי ווילן אז דער אייבערשטער זאל געבן פאר זיי א זאך, אהבת ה' יראת ה', וואס עין לא ראתה, וואס א מענטש קען עס נישט זעהן מיט די אויגן, דאס יעשה למחכה לו, דאס זאל דער אייבערשטער געבן. ער איז צופרידן ער דארף נישט קיין מער. יששכר גיט אוועק זיין פארמעגן, און ער וויל אז דער אייבערשטער זאל אים געבן אהבת ה' און יראת ה', און דאס איז ביי אים חשוב'ער פון אלעם.

**מען** געפינט אין פסוק (תהלים מ-ח), דוד המלך זאגט, אז אמרתי הנה באתי במגלת ספר כתוב עלי, לעשות רצונך אלקי חפצתי, ותורתך בתוך מעי. פשוט פשט זאגט רש"י, אז עס גייט ארויף אויף מתן תורה. אז אמרתי, דעמאלטס ביי מתן תורה האב איך געזאגט, הנה באתי, איך קום מקבל זיין די תורה, במגלת ספר כתוב עלי, עס איז געשריבן אין די תורה אין פרשת יתרו, איך בין מקבל די תורה. לעשות רצונך אלקי חפצתי, איך וויל מאכן דיין רצון, ותורתך בתוך מעי, איך האב ליב די תורה.

**איך** מיין, עס קען זיין, אז עס ליגט א רמז אויף די מחזיקי תורה, און תומכי תורה, וואס זענען נישט זוכה אז זיי אליין זאלן קענען זיצען באהלה של תורה, עס איז אבער לעשות רצונך אלקי חפצתי, אין הארץ וויל ער האבן א חלק אין די תורה. לעשות רצונך אלקי חפצתי, אין חפץ וויל איך טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. איך קען טאקע נישט זיצן און לערנען, איך האב נישט די מעגליכקייטן און די פעהיגקייטן, צו וואס די סיבה זאל זיין, אבער ותורתך, מיין תורה איז, בתוך מעי, מיט דעם וואס איך געב צו עסן פאר תלמידי חכמים, איך בין זיי מחזיק, ותורתך דארט ליגט מיין תורה.

*

**איך** האב געזעהן שטיין פונעם **קאזיגלוב'ער** אין תשובת **ארץ צבי** (בפתיחה), זאגט ער, אז מען געפינט אין די גמרא (שבת קטז.) אן אינטערסאנטע הלכה. ווען מען דארף מציל זיין א ספר תורה פון א פייער, איז די הלכה, אז אויב עס איז געבליבן פינף און אכציג אותיות, קען מען עס מציל זיין. אבער א ספר תורה וואס איז נמחק, עס פעלט די אותיות דערפון, האט עס פארלוירן די קדושה, און מען קען עס נישט מציל זיין. פרעגט די גמרא וואס טוט זיך מיט די גליונות פון די ספר תורה, צו די גליונות האבן אויף זיך א קדושה אפילו ווען די ספר תורה איז אפגעמעקט? און די גמרא איז מסביר, אז א ספר תורה וואס איז געווארן אפגעמעקט, האט טאקע נישט קיין קדושה, ווייל די ווערטער פון די תורה האבן מקדש געווען דעם קלף מיט די כתב וואס מען האט געשריבן דערויף. און אויב עס איז אראפגעגאנגען דער כתב דערפון, איז לכאורה אראפגעגאנגען די קדושה. אבער די גליונות האבן דאך קיינמאל נישט געהאט אויף זיך א כתב, עס איז נתקדש געווארן אן א כתיבה, קען זיין אפילו די ספר תורה איז נמחק געווארן, זאל בלייבן א קדושה אויף די גליונות. - הפלא ופלא. עס איז דא א ספר תורה, און די גאנצע חשיבות פון די גליונות פונעם ספר תורה איז, ווייל ער איז צוגעטשעפעט צו א חלק פון דעם ספר תורה. און עס איז נמחק געווארן די אותיות פון די תורה, זאגט מען, אז עס איז אוועקגעגאנגען די קדושה פון דעם פלאץ פון די אותיות, ווייל די כתיבה האט עס מקדש געווען. אבער די גליונות וואס האבן נישט געהאט קיין שייכות צו די כתיבה, דארט קען בלייבן די קדושה

אפילו שפעטער ווען עס איז אראפגעגאנגען די אותיות דערפון.

**זאגט** דער הייליגער קאזיגלוב'ער, א תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט, איז מען נישט זיכער אז ער וועט בלייבן אזוי כל ימיו. מען זעהט דאך יוחנן כהן גדול ביי די אכציג יאר איז ער געווארן א צדוקי, די גמרא (קידושין מ:) זאגט, אז אפילו א צדיק גמור כל ימיו ומרד באחרונה, אין זיינע לעצטע טעג האט ער מורד געווען, אויב ער איז געווען תוהה על הראשונות, איבד את הראשונות, האט ער פארלוירן אלע זיינע צדקות וואס ער האט געטון. עס קען אמאל זיין א תלמיד חכם זאל פארלירן אלעס וואס ער האט זוכה געווען אין זיין לעבן, אויב זיין לעבן ענדיגט זיך נישט ווי עס דארף צו זיין. אבער דאס איז נאר א תלמיד חכם אליין. טאמער דו האסט מחזיק געווען תורה, איז אפילו דער תלמיד חכם פארלירט שפעטער זיין קדושת התורה, אבער דער וואס האט מחזיק געווען תורה, באקומט ווייטער דעם שכר אזוי ווי א מחזיק תורה, מען פארלירט גארנישט. און ער שטעלט עס צו צו די גמרא, אז א תלמיד חכם איז דאך נאר נתקדש געווארן ווייל ער האט געלערנט תורה, און אז עס איז אראפגעגאנגען די תורה פון אים, האט ער פארלוירן זיין קדושה. אבער די מחזיקי תורה זענען די גליונות פון דעם ספר תורה, וואס די גליונות פונעם ספר תורה בלייבט די קדושה אויף שטענדיג. אזוי שרייבט דער הייליגער קאזיגלוב'ער.

זאגט דוד המלך, ווען ער רעדט פון די מחזיקי תורה, וואס ותורתך בתוך מעי, זיי געבן עסן פאר לומדי תורה, האבן זיי א חלק אין די תורה. זאגט ער, אז אמרתי הנה באתי במגלת ספר כתוב עלי, ביי מיר איז געשריבן געווארן די הלכה פון די מגילת ספר, די מגילת ספר דאס איז די גליונות פונעם ספר, וואס דארט זעהט מען אז די גליונות פונעם ספר האבן א קדושה נאך מער ווי דער ספר אליין, דאס איז געזאגט געווארן אויף דעם וואס איז לעשות רצונך אלקי חפצתי ותורתך בתוך מעי.

**און** דער קאזיגלוב'ער ברענגט נאך א ראיה, פון א ירושלמי (מגילה א-א), וואס דער ירושלמי זאגט, אז די הלכה איז דאך אז מוקפין חומה ליינען די מגילה ט"ו אדר, און די וואס זענען סמוכין צו די מוקפין חומה ליינען אויך ט"ו. זאגט דער ירושלמי, אפילו עס זאל זיין א פאל וואס די מוקפין חומה איז בטל געווארן זייער הלכה פון צו ליינען ט"ו, פון דעסטוועגן דאך דער סמוך, וויבאלד ער איז נישט א מוקף חומה, ער איז נאר א סמוך צו א מוקף חומה, אויף אים וועט בלייבן די הלכה ווייטער אז מען זאל ליינען ט"ו. - עס איז א חידוש, ער איז נאר געווארן נתקדש ווייל ער איז סמוך, און די זאך צו וועם ער איז סמוך האט זיך אויפגעהערט, אבער ער איז געבליבן ווייטער מיט זיין קדושה ווי פאר דעם. די זעלבע, זאגט ער, זענען די מחזיקי תורה, אפילו דער לומד תורה אליין איז אוועקגעגאנגען, און ער האט פארלוירן וואס ער האט געהאט, איז געבליבן די כח פון די מחזיקי תורה.

**עס** קען זיין ווען דעם שטייט אין די מגילה, דברי שלום ואמת (אסתר ט-ל), ווייל די גמרא (מגילה טז:) זאגט דאך אויף די מגילה, אז דאס איז אמיתה של תורה, מען איז דן אויף מגילה צו עס איז נוהג כאמיתה של תורה, קעגן שרטוט און אנדערע הלכות וואס די גמרא איז עס מדמה. די הלכות פון די מגילה איז כאמיתה של תורה, אזוי ווי ביי אמיתה של תורה האבן די גליונות א חשיבות מער ווי די מקום האותיות, די זעלבע איז ביי מגילה, עס קען זיין אז דער סמוך זאל נאך האבן א גרעסערע חשיבות ווי דער מוקף חומה אליין.

**זאגט** דער הייליגער קאזיגלוב'ער אזוי, דאס וואס כל הנביאים לא נתנבאו, די נביאים וואס האבן נביאות געזאגט אז דער אייבערשטער וועט געבן גוטס, דאס איז געזאגט געווארן פאר די וואס זענען מחזיק תורה, לעושה פרקמטיא לתלמיד חכם און אזוי ווייטער. אבל תלמידי חכמים עצמן, צו זיי וועלן זוכה זיין צו גוטס, דאס איז עין לא ראתה אלקים זולתך, דאס זעהט נאר דער עין פונעם אייבערשטען. ווייל טאמער האט ער געהאט סוף ימיו ח"ו א צייט וואס ער האט פארלוירן זיין חשיבות, האט ער פארלוירן זיין חכמה. אבער די מחזיקי תורה, פאר זיי איז געזאגט געווארן די דברי נבואה, די געוואלדיגע חשיבות פון די וואס שטיצן תורה, זיי זענען מחזיק תורה, נישט קיין חילוק צו עס וואקסט אויף שפעטער פון דעם וואס האט געלערנט תורה, זייער זכות ווערט קיינמאל נישט פארמינערט, זיי זענען די גליונות פונעם ספר תורה, און די גליונות פונעם ספר

תורה האבן א שטענדיגע קדושה. און כל שכן ווען מען איז זוכה אז מען וואקסט אויף אין תורה דורך זייער פארמעגן וואס זיי האבן געגעבן, און עס קומען צו לומדי תורה, און מען שטעלט אויף נייע תלמידי חכמים פארן קומענדיגן דור, איז אוודאי גרויס די חשיבות פון די וואס זענען מחזיק די תורה.

*

**אין** די פרשה שטעלט מען זיך אייביג אויף די מדה פון הכרת הטוב. משה רבינו האט געדארפט ברענגען די מכות אויף מצרים, און פון דעסטוועגן דאך, דם האט ער נישט געברענגט אליין, ער קען נישט שלאגן די וואסער, ער איז שולדיג פאר די וואסער, וואס האט אים אריינגענומען ווען ער איז געווען אין א תיבה אויפן וואסער. ער קען נישט ברענגען קיין צפרדע, ווייל ער דארף שלאגן די וואסער. כינים האט מען געדארפט שלאגן די ערד, משה רבינו קען עס נישט טון, די ערד האט אריינגענומען די מצרי, משה רבינו קען נישט זיין א כפוי טובה.

**עס** איז א געוואלדיגער מוסר השכל, וואס עס מיינט הכרת הטוב. מען דארף ארויסנעמען יודען פון מצרים, משה רבינו קען זיין א שליח צו ברענגען די אלע אותות ומופתים וואס אונז געדענק מיר אונזער גאנצער לעבן, די גאנצע יודישקייט שטייט אויף זכר ליציאת מצרים וואס מען האט געזעהן מיט די אייגענע אויגן. משה רבינו וואלט געקענט זיין א שליח דערפאר, זאגט דער אייבערשטער, ווען עס קומט צו א כפוי טובה ביי דעם וואסער, קען עס משה רבינו נישט טון.

**עס** האט מיר געפרעגט די פאריגע וואך א יוד, צו די וואסער קען ער נישט זיין קיין כפוי טובה. משה רבינו איז דאך ערצויגן געווארן ביי פרעה אין שטוב, טאר ער דאך נישט זיין קיין כפוי טובה פאר פרעה? ער גייט אריין צו פרעה, און ער זאגט אז עס וועט קומען אזוי און אזוי, ווי אזוי האט געקענט זיין אז משה רבינו איז געגאנגען צו פרעה, מען טאר נישט זיין קיין כפוי טובה. און פארוואס האט דער אייבערשטער מקפיד געווען אויף די וואסער מיט דעם עפר אז מען טאר נישט זיין קיין כפוי טובה, און משה רבינו וואס איז ערצויגן געווארן ביי פרעה קען זיין א כפוי טובה?

**זאגט** ער מיר אז ער האט געטראכט א תירוץ דערויף. מען געפינט דאך, ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף (שמות א-ח), און די מפרשים טייטשן, יוסף איז דאך געווען דער וואס האט אויסגעהאלטן מצרים ביי די שנות הרעב. די אלע פארמעגנס וואס זיי האבן געהאט, האט דאך אלעס יוסף אריינגעברענגט. האט דאך פרעה געדארפט האבן אן הכרת הטוב פאר דעם יוסף. און אז פרעה האט נישט געהאט קיין הכרת הטוב פאר יוסף, האט דער אייבערשטער זיך נישט גערעכנט אז מען דארף האבן הכרת הטוב פאר פרעה. עס איז זייער א שיינער טייטש. פאר דעם עפר האט דער אייבערשטער געזאגט אז מען דארף האבן א הכרת הטוב, אבער אז דו ביסט א אוממענטש, דו האסט נישט אין זיך קיין הכרת הטוב, האט דער אייבערשטער זיך נישט גערעכנט מיט זיין הכרת הטוב, האט משה רבינו געקענט קומען צו פרעה, און גערעדט צו אים אזוי ווי מען רעדט צו א פשוטן מענטש.

**מיר** זענען נישט קיין כפוי טובה, איך בין מכיר טוב פאר די הנהלה פונעם כולל, און פאר ר' מעכל בראשם, וואס טראגט אזויפיל יארן אויף זיך דעם עול פונעם כולל. מען האט פריער געהערט די ווייטאג וואס ער האט, אז ער קען נישט אהערשטעלן פארן כולל ווי עס דארף צו זיין, קען איך פארשטיין ווי ווייט עס ליגט אים אינעם הארץ צו העלפן פארן כולל. דאס איז א יאר נאך א יאר, וואך נאך וואך, ווי קען מען צאלן פאר די יונגעלייט. איך האב באמת א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר זיין עבודה וואס איז נוגע פאר יעדען איינעם פאר די בני הכולל, און אלע וואס זענען א חלק פון די קהילה.

*

**איך** וויל ארויסברענגען א נקודה וואס איז נוגע צו הכרת הטוב, איך האף אז קיינער וועט עס נישט נעמען פערזענליך. איך האב זיך געטראפן מיט א שטיק צייט צוריק, מיט א ראש הכולל נישט פון דאהי, דער כולל האט דרייסיג פערציג יונגעלייט, און ער זיצט אין כולל א גאנצן טאג, און ער שאפט געלט פארן כולל א גאנץ יאר. זאגט ער מיר אזוי בתוך הדברים, איך וויל אויפגעבן דעם כולל, איך שפיר נישט קיין הכרת הטוב פון די בני הכולל, אויף דעם וואס איך טו פאר זיי. פרעג איך אים, וואס מיינסטו? זאגט ער, עס קומט פורים, דריי יונגעלייט האבן מיר

געשיקט משלוח מנות. איך ארבעט פאר דעם כולל פון צופרי ביז בייגאכט, איך זיץ מיט זיי א גאנצן טאג צוזאמען, אזויפיל הכרת הטוב קען מען נישט האבן מיר צו שיקן א משלוח מנות?

**פרעג** איך אים, דאס אלעס? זאגט ער מיר, ניין. מען איז מיך מכבד איך זאל רעדן שבת הגדול, צו שבת תשובה, אויף א פלאץ, עס זאל זיך נישט טרעפן איינער פון די כולל יונגעלייט זאלן קומען מיך הערן. וואו איז די הכרת הטוב, אז איך פלאג זיך פאר זיי א גאנץ יאר, און כאילו עס איז גארנישט. עס קוקט מיר נאר אויס [איך זאג איבער וואס ער האט מיר געזאגט], כאילו ווי איך דארף זיין דאנקבאר פאר די בני הכולל, אז זיי קומען אין כולל. זיי טוען מיר א טובה אז איך זאל אויפהאלטן דעם כולל. איך בין גאר זיי שולדיג א טובה, נישט זיי זענען מיר שולדיג.

**עס** איז א בחינה ווי די גמרא (ברכות נח.) זאגט, אז עס איז דא א אורח טוב, און עס איז דא א אורח רעה. א אורח טוב זאגט, כל מה שטרח בעל הבית לא טרח אלא בשבילי, וואס דער בעל הבית האט זיך געפלאגט, האט ער זיך געפלאגט פאר מיר. ער האט מיר געברענגט צו עסן א שטיקל ברויט, ער האט מיר געגעבן צו עסן פלייש, ער האט מיר געגעבן צו טרינקן וויין, אלעס האט ער געטון פאר מיר. אורח רע מהו אומר, וואס זאגט דער אורח רע. דער אורח רע זאגט, וואס האט ער געטון פאר מיר, ער האט מיר געגעבן א רעפטל ברויט, ער האט מיר געגעבן אביסל צו טרינקען, כל מה שטרח לא טרח אלא בשביל אשתו ובניו, ער האט דאך א שטוב, ממילא דארף ער ברענגען צו עסן, האט ער פאר מיר אויך געגעבן א שטיקל עסן. דאס איז דער חילוק צווישן דעם אורח טוב און דעם אורח רע.

**איך** וויל נישט פרעגן ר' מעכל וויפיל יונגעלייט האבן אים געשיקט משלוח מנות, איך האף אז יעדער, אבער איך וויל ארויסברענגען דעם געדאנק. א יונגערמאן דארף טראכטן פאר זיך, איך בין אויף א פלאץ, איך לערן אזויפיל יאר דא אין כולל, וואס האב איך געטון במשך דעם יאר עפעס א הכרת הטוב פאר דעם פלאץ. הכרת הטוב דאס איז דער יסוד פון א יוד, אז מען האט הכרת הטוב פאר א צווייטען האט מען הכרת הטוב פארן אייבערשטן, היום הוא אומר לא ידע את יוסף, ולמחר הוא אומר (שמות ה-ב) לא ידעתי את ה' (שמו"ר א-ח). אז מען געוואוינט זיך מיט די מדה, אז ווען א מענטש טוט דיר עפעס, דאנק אים דערפאר. אויף יעדע זאך וואס מען טוט, קומט א קאמפלימענט, א יישר כח, דאנקט ער אויך דעם אייבערשטן. אויף יעדע זאך וואס דער אייבערשטער גיט, דאנק אים. אז דו האלטסט אז אלעס קומט זיך דיר, קומט זיך דיר פונעם אייבערשטן אויך אלעס, און אז דער אייבערשטער גיט עס אים נישט, האט ער ח"ו תרעומות, עס קומט זיך מיר.

**איך** קוק אן די צורה פון די יונגעלייט, זעהט מען די איידלקייט וואס ליגט אויף זיי, ווי ווייט די תורה האט אויסגעאיידלט דעם מענטש, די תורה האט אויפגעהויבן דעם מענטש, מען איז א אנדערער סארט יוד בשעת מען זיצט און מען לערנט. לא מיבעיא די וואס זענען שוין אזויפיל יארן אין כולל איז דאך אפגערעדט, נאר אפילו די יונגעלייט וואס קומען נאר אריין צו לערנען, איין יאר, צוויי יאר, נאך די חתונה, עס לאזט זיך נישט זאגן די השפעה וואס עס לאזט איבער אויף ווייטער. ווען מען גייט ארויס פון ישיבה, דארף ער נישט גראד ארויסגיין אויף די גאס, נאר ער זיצט באהלה של תורה א יאר צוויי, און מען לערנט און מען געוואוינט זיך צו אויפצושטעלן א תורה'דיגע שטוב, א ערליכע שטוב. דאס דאווענען איז דאך אנדערש פון א כולל יונגערמאן, די גאנצע הנהגה איז אנדערש, און דאס לאזט איבער אן השפעה אויף די שטוב. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די וואס טוען צו העלפן דערצו.

*

**און** איך וויל ענדיגן מיט א ווארט פאר די בני בית פון די בני הכולל. עס איז באקאנט וואס די גמרא (כתובות סג.) זאגט, אז רבי עקיבא האט איבערגעלאזט די שטוב פיר און צוואנציג יאר. ער איז אוועקגעגאנגען, ער איז נישט געווען אינדערהיים, און ער האט איבערגעלאזט דאס ווייב אינדערהיים אזויפיל יארן. און ווען ער איז צוריק געקומען מיט פיר און צוואנציג טויזענט תלמידים, האט ער געזאגט פארן די תלמידים, מען זאל איר מכבד זיין, ווייל שלי ושלכם שלה היא, מיין תורה און ענקער תורה, אלעס איז איר צו פארדאנקען. די שטובער וואס מען זיצט און מען לערנט תורה, און די ווייבער גייען אדורך א שווערע זמן, זיי קענען נישט האבן אלעס וואס אנדערע שטובער האבן, ווי מען האט

פריער געהערט, יונגעלייט על פי רוב, זענען זיך ממית באהלה של תורה, מען קומט קוים אויס מען זאל קענען דעקן די מינימום וואס מען דארף, עס איז נישט דא קיין געלט פאר קיין עקסטערע זאכן, עס איז נישטא קיין געלט פאר לוקסוס, עס איז נישטא קיין געלט אוועקצוגיין אויף א וויקעישאן, און פאר אנדערע זאכן וואס אנדערע האבן יא. און מען קוקט זיך אים, יענער איז ארויסגעגאנגען ארבעטן, קוק ווי אזוי ער האט מצליח געווען, ווי אזוי זיין דירה זעהט אויס, ווען ער דארף עפעס פעלט אים גארנישט, און די בני תורה האבן דאס נישט. עס איז א גוואלדיגע מסירת נפש פון זייער זייט, אפשר נאך א גרעסערע מסירת נפש פון די וואס זיצן און לערנען, ווייל די וואס זיצן און לערנען שפירן כאטש א טעם דערין, זיי האבן כאטש א מתיקות התורה, ער האט סיפוק פונעם לערנען, אבער זיי האבן דאס אויך נישט. מען זיצט אין שטוב און מען גיט אכט אויף די קינדער, מגדלות את בנינו, ווי די גמרא (יבמות סג.) זאגט.

**אבער** זייער זכות איז זייער גרויס! זיי זענען די וואס טוען צוהעלפן אז תורה זאל קענען בליען. די תורה איז נמשלה לאשה, אשת חיל מי ימצא, ווייל אן איר איז נישטא קיין תורה! זי שטעלט אויף די תורה! און די זכותים וואס מען האט, שלי ושלכם שלה היא, זיי דארפן מעודד זיין די מענער, נישט ח"ו אוועק נעמען די מענער פון תורה. מעודד זיין די מענער אז זיי זאלן בלייבן לערנען ווילאנג זיי האבן די מעגליכקייט דערצו. מען טוט נישט א טובה פארן אייבערשטען, מען טוט נישט א טובה פארן מאן, עס איז א טובה פאר דיר אליין, דיין אייגענע שטוב. א שטוב וואס דער מאן איז א בן תורה, איז די שטוב איידל, די שטוב איז ערליך, און דער וועג ווי אזוי מען רעדט איינער צום אנדערן איז אנדערש. עס איז א טובה פארן מענטש אליין, אז מען איז זוכה אז מען האט א תורה'דיגע שטוב.

**אין** די זכות וואס זיי געבן זיך אוועק פאר תורה, וועט דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זעהן נחת ביי די קינדער. אז די קינדער זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים ווענדט זיך דאך וואס פארא טאטען מען האט, וואס פארא מאמע מען האט. מען קוקט ארויף אויף די עלטערן, מען זעהט ווי אזוי זיי פירן זיך, דאס ברענגט צו, אז מען זאל אויסוואקסן ווי עס דארף צו זיין. זאל דער אייבערשטער בענטשן די בני הכולל מיט די בני בית צוזאמען. עס זיצען דא די עלטערן, אשריכם מה טוב חלקיכם, עס איז נישט נאר די כולל וואס האלט זיי אויס, נאר די עלטערן דארפן אויך צוגעבן אינדערזייט פאר די קינדער, זיי זאלן קענען לערנען. זאל דער אייבערשטער געבן הרחבה אין אלעם וואס זיי דארפן האבן, אז זיי זאלן קענען מחזיק זיין תורה ווי עס דארף צו זיין.

**און** פאר די בני תורה דארף מען זאגן, כאטש וירא מנוחה כי טוב, ואת הארץ כי נעמה, יששכר עתיר בנכסין, ויט שכמו לסבול, עין לא ראתה אלקים זולתך יעשה למחכה לו, מען איז זיך מתבונן אין די געוואלדיגע שכר וואס מען גייט באקומען, עין לא ראתה, די אויג האט עס נאך נישט געזעהן, פאר די נביאים האט מען עס נישט געקענט ווייזן. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זוכה זיין, מען זאל קענען אלע זיצען בסוכת עורו של לויתן, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת בא***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הרב **אהרן משה לייפער שליט"א** (חתן הרה"ג **רבי אהרן זילבערשטיין שליט"א** דומ"ץ צעהלים) שהתקיים בבית המדרש צעהלים.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב קבע **רבינו שליט"א** מזוזה לחדר בית הוראה בבית מדרשנו בוויליאמסבורג. אחר כך הסיב למסיבת לחיים.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו שליט"א שאל על מה מברכין קודם, על המזונות או על היין שרף ואמר:** אין א בית הוראה דארף מען זיך פירן אזוי ווי דער שלחן ערוך זאגט.

**ובירך קודם על המזונות ואח"כ על היי"ש**

לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן, חפץ ה' יצליח, עס זאל נישט זיין קיין שום מכשול אין די הוראה וואס מען פסקנ'ט. מען זאל

קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און מרביץ תורה זיין פאר כלל ישראל. די אלע וואס האבן א חלק דערין, זיי האבן צוגעהאלפען, זאל זיי דער אייבערשטער בענטשען מיט הצלחה.

מען זאגט נאך אויפן **ברעזשאנ'ער רב זצ"ל**, אז ער איז געווען א גרויסער מקיל, און ער איז נישט געזונט געווען, און **רבי מאיר פרעמישלאנער זי"ע** איז אים געקומען אין חלום, און ער האט אים געזאגט, אז אויב ער וועט נישט אזוי מקיל זיין וועט ער געזונט ווערן.

**הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א דומ"ץ דקהלתנו הק':** דער **דרכי תשובה** שרייבט (בהקדמה) אויף אים, אז אפילו ער ברענגט אראפ פסקים פונעם **מהרש"ם**, האלט ער נישט אז מען זאל זיך אייביג סומך זיין אויף דעם.

**הרה"ג רבי מיכל קלאר שליט"א מו"ץ בבית הוראה:** עס איז דא א מעשה פארוואס ער האט מקיל געווען, ווייל ער איז געווען ביי **שר שלום פון בעלזא**, און דער בעלזער רב האט גערעדט, אז מען טאר נישט מחמיר זיין. ער איז נאך געווען דעמאלטס א יונגערמאן, און ער האט פארשטאנען אז ער מיינט אים. וועגן דעם האט ער גענומען אויף זיך מקיל צו זיין.

**רבינו:** אז מען קען גאנץ ש"ס אזוי ווי ער האט געקענט, קען מען מקיל זיין. ער האט געוואוסט אז עס איז נישט דא קיין סתירה צו די הוראה אין גאנץ ש"ס, האט ער מקיל געווען. אין איין תשובה האט ער צוזאמגעווארפען כל התורה כולה, יעדע תשובה איז מלא חידושים. - רבי מאיר אריק, און רבי יוסף ענגעל, די אלע האבן געקענט כל התורה כולה, אן ארטסקרול. זיי האבן נישט געהאט קיין טירדות, זיי האבן געוואוינט אין א דערפל אדער א שטעטל, און פון צופרי ביז ביינאכט האבן זיי עוסק געווען בתורה. עס איז נישט געווען קיין נייעס, זיי האבן געוואוינט אזוי ווי מען וואוינט אין די קאנטרי.

איך האב געזעהן די וואך צו ברענגען פונעם **מחנה חיים**, אז בימיו פונעם **חתם סופר** האבן די מאמעס געוואונטשען פאר די קינדער, דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט אויסוואקסען אזוי ווי דער רבי. די נוסח הברכה האט מען זיך געוואונטשען, אז מען זאל אויסוואקסען אזוי ווי דער **חתם סופר**.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב** (ב"ר אהרן) **קליין** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת מחותנו **הרה"ג רבי חנוך העניך באב"ד שליט"א**, עב"ג בן **הרה"ג רבי שלמה יעקב זיידא אייכענשטיין שליט"א** אב"ד גאלאנטא (בן כ"ק האדמו"ר מגאלאנטא שליט"א) שהתקיים באולם עטרת חיה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי חיים צבי טייטלבוים שליט"א** אב"ד סאטמאר ירושלים (בן כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי יואל הורוויץ שליט"א** (נכד כ"ק האדמו"ר ממעליץ שליט"א), שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***__יום חמישי פרשת בא__***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **ישעי' יצחק רובין** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאטמאר (הופער סט.).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של הר"ר **עזריאל חיים בלומענפעלד** ע"ה, שהתקיים לפני בית מדרשנו, ונשא מדברותיו.

***__וזה תוכן הדברי תורה:__***

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען מלווה צו זיין דעם חשובן נפטר, דער זקן שבחבורה, וואס איז געבליבן פון די סגל פון די זקנים וואס איז געווען דא אין די שול. ער איז געווען א מוסטער פון א ערליכען יוד, וואס האט געדינט דעם אייבערשטען מיט א תמימות. ער האט משכים ומעריב געווען אין בית המדרש צופרי און ביינאכט, ווען עס איז אנגעקומען גרינג און ווען עס איז אנגעקומען שווער, שוואכערהייט האט ער נישט פארפעלט צו קומען אין בית המדרש. עס איז א געוואלדיגע פארלוסט פאר די שול, פאר די גוטע פריינד, און כל שכן פאר די קינדער און אייניקלעך, ווען עס גייט אוועק אזא אדם חשוב.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, ווען פרעה האט שוין מסכים געווען, און ער האט געזאגט לכו עבדו את ה' אלקיכם, מען זאל גיין דינען דעם אייבערשטען, האט ער געפרעגט מי ומי ההולכים,

ווער זענען די וואס גייען. האט משה רבינו געענטפערט בנערינו ובזקנינו נלך, מיר וועלן גיין מיט די יונגע און מיט די אלטע, בבנינו ובבנותינו, מיט די זון און די טעכטער, אלע וועלן מיר גיין לעבוד את ה'. אין מדרש (הובא **בקדושת יום טוב** בפרשתנו) שטייט, פרעה האט געפרעגט מי ומי ההולכים, עתידין אתם לומר, עטץ וועטס זאגן, מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו (תהלים כד-ג), דארט שטייט אויך צוויי מאל 'מי'. 'מי' יעלה בהר ה' 'ומי' יקום במקום קדשו. און דער פסוק ענדיגט דערויף, נקי כפים ובר לבב.

**דוד** המלך זאגט, נישט יעדער איינער קען זיין אז ער זאל אנקומען אויפן ריכטיגען מקום, מי יעלה בהר ה', ווער איז דער וואס קען ארויפגיין אויפן הר ה', ומי יקום במקום קדשו, ווער איז ראוי אז ער זאל קענען שטיין אויף דעם הייליגען פלאץ. עס ווענדט זיך ווי אזוי מען האט זיך געפירט ביים לעבן. נקי כפים, אויב מען האט געהאט ריינע הענט, נישט צוגערירט צו יענעמס פרוטה. ער האט געטון וואס מען האט געמעגט טון מיט די הענט, עס איז געווען ריין אן עבירות. ובר לבב, און דאס הארץ איז געווען ריין פארן אייבערשטען, אשר לא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה, יעדער יוד ווען ער קומט אויף די וועלט איז משביעין אותו תהי צדיק ואל תהי רשע (נדה ל:), און ער האלט זיך ביי די שבועה, ולא נשבע למרמה, און ער האט נישט געשוואוירן למרמה, ער האט מקיים געווען זיין שבועה, דער איז ראוי אז ער זאל קענען זיין יעלה בהר ה', און יקום במקום קדשו.

**פרעה** האט געפרעגט, עטץ ווילטס גיין דינען דעם אייבערשטען, צו דעם איז גענוג אז עס זאלן גיין די חשובע יודען וואס קענען שטיין בהר ה', און דער וואס קען שטיין במקום קדשו, די קענען זיין לכו עבדו את ה'. מי ומי ההולכים, עתידין אתם לומר, עטץ וועטס זאגען אז נישט יעדער קען דינען דעם אייבערשטען, מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו, נקי כפים ובר לבב. און צו דעם איז גענוג לכו נא הגברים, אז עס זאלן גיין די מענער, די וואס זענען עובדי ה', די זאלען גיין טון די עבודה. און דער וואס איז נישט ראוי דערצו, זאל נישט גיין דינען.

**משה** רבינו האט געזאגט, אמת אז די זקנים די ווייסען ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטען, ווילאנג מען איז יונג האט מען נאכנישט דעם שכל דערצו, מען האט נאך דעם יצר הרע וואס איז כובש דעם מענטש, און נישט אייביג האט מען די כוחות זיך מתגבר צו זיין. אבער אז אונז וויל מיר אז אונזער יוגענט זאל וואקסען, מוזן מיר גיין צוזאמען מיט די זקנים. ווען מיר וועלן צוקוקען די עבודה פון די זקנים, ווי אזוי זיי דינען דעם אייבערשטען, דעמאלטס וועלן מיר קענען אויפציען אונזערע יונגע קינדער. אמת די עיקר עבודה וואס קומט אן אויבן אין הימל איז די וואס האבן דאס שוין אדורכגעמאכט, זיי זענען שוין די זקנינו, וואס זיי זענען די אמת'דיגע עובדי ה', אבער מיר דארפן האבן בנערינו ובזקנינו נלך, אונז קען מיר נישט גיין מיט די נערים אליין אן די זקנים. די זקנים זענען די וועג ווייזערס פאר די קינדער און די אייניקלעך ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**דער** חשובער נפטר איז געווען א וועג ווייזער נישט נאר פאר די משפחה אליין, וואס האבן צוגעקוקט א טאטע א זיידע מיט וויפיל ערליכקייט ער האט געדינט דעם אייבערשטען, נאר ער איז געווען א מוסטער פאר די גאנצע בית המדרש, מען האט ארויפגעקוקט אויף אים, האט מען געזעהן פאר זיך א יוד פונעם פריערדיגען דור, וואס לאזט נישט נאך פון דינען דעם אייבערשטען שטענדיג. עס איז א געוואלדיגער פארלוסט פאר יעדן איינעם. צדק לפניו יהלך, דאס וואס ער האט זיך אזוי געפירט ביים לעבן, דאס קומט אקעגן ווען מען גייט ארויף אויף יענע וועלט. די אלע מצות און מעשים טובים, הונדערט יאר עבודת ה', דאס באגלייט דעם מענטש, אז עס זאל קענען זיין יעלה בהר ה', און יקום במקום קדשו. זאל דער אייבערשטער געבן, אז די נשמה זאל אנקומען אויפן ריכטיגען מקום, און זיין א מליץ יושר פאר די גאנצע משפחה, און פאר דעם גאנצען ציבור, און פארן כלל ישראל. און מיר זאלן זוכה זיין ובלע המות לנצח, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת הרב **יעקב קופערמאן** ז"ל.

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד טענקא שליט"א**, שישב שבעה על פטירת אחיו **הגה"צ רבי משה אהרן דוד פריעדמאן זצ"ל** אב"ד טענקא ירושלים.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **שלמה יוסף ראאב** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **הערשל בערגער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

*

***שבת קודש פרשת בא***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ד' שבט). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא בברכת המזון.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **שמואל דוד מארקאוויטש** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה (אשת הר"ר **עמרם אונגאר** הי"ו). ואצל משפחת הר"ר **בערל ווייס** ע"ה, ואצל משפחת הר"ר **עזריאל חיים בלומענפעלד** ע"ה.